קדימה, יידיש קונסט טעאַטע

# גאַלאַ פאָרשטעלונג

# „די אָרעמע מלוכה

פון ה. לייוויק

(צו זיין 50-יעריקן יובילעאום)

רעזשי: ב. ניימאַן-יובאל

שבת דעם 8טן יולי

זונטיק, דעם 9טן יולי, 1939.

KADIMAH JEWISH ART THEATR

Gala Performance

# THE KINGDOM OF BEGGAR

*Drama in 4 acts by H. Leivick*

*Produced by B. Newman-Jubal*

SATURDAY, JULY 8th
SUNDAY, JULY 9th

# *THE STORY*

"THE KINGDOM OF BEGGARS" is by a contemporary author, H. Leivick, a representative of the symbolic school in Yiddish literature. As the title indicates, it is a story of the life of those people in our Society we call beggars, the whole world is their kingdom, and each depends for his daily bread on begging, one from the other.

The story centres around the life of the chief of the beggars, Melach, who enriches himself at the expense of the beggars. Many are like his son, conscious of the fact that they are being exploited, but they dare not offer any opposition. Melach grows richer and richer and for his second marriage seeks to win a young girl.

The inevitable happens: the many, realising their strength and justice of their cause rid themselves of the unnecessary ruling minority. So Melach falls.

First produced in New York by the famous Jewish actor Maurice Schwartz, the play has since been played in most of the capitals of Europe.

* * *

אין צוזאמענהאנג מיט דער היינטיקער טעאטער־פארשטעלונג פון „קדימה יידיש קונסט־טעאטער", דערלויבן מיר זיך אויך פאלגנדעס צו באמערקן:

די „קדימה" איז אן ספק די צענטראלע און לייטענדע קולטור־אינסטיטוציע פונם יידישן אויסטראליע. אלס אזעלכע — אין די ראמען פון די ספעציפיש־יידיש לאקאלע באדינגונגען — בלייבט דאס יידישע טעאטער דער חוט־השדרה פון אירע אויפגאבן און צילן. דאס דערהויבן און אוועקשטעלן דאס יידישע טעאטער אויף א געהעריקן קינסטלערישן ניווא, דארף און מוז זיין דער אימפעראטיוו פון אירע אנשטרענגונגען און באמיאונגען.

מיר זענען נישט אויסן דא אונטערצוציען א גראב טושירטן מינוס, אונטער די אלע פארשטעלונגען וואס זענען ביז אהער ארויפגעבראכט געווארן אויף דער יידישער בינע אין מעלבורן. להיפך, מיר ווילן דוקא באמערקן, אז איניקע פון זיי זענען געווים אויסגעפירט געווארן מיט דערפאלג. באזונדערס אונטערשטרייכן מיר זייער יידיש־קולטורעלע פיאנערישע באדייטונג אויפן פינפטן קאנטינענט.

עס זענען פארהאנען אבער געוויסע פאקטארן וואס זענען גורם דערצו אז א טעאטער־שטיק זאל מיט דערפאלג ארויפגעבראכט ווערן אויף דער בינע, און דאס זענען: דעקאראציעס, מוזיק, ליכט, און ועל כולם — רעזשי. ביז איצט האט זיך אבער שטארק געפילט דער מאנגל אין די אלע אויבנדערמאנטע פונקטן. באזונדערס האט געפעלט די געניטע רעזשיסערישע האנט, וועלכע זאל די אלע זאכן און דאס געשפילטע שטיק דערפירן צו טעאטראלער שלימותדיקייט.

מיט ב. ניימאן, אליין א באגאבטער רעזשיסער פונם קולטורעלן ווין, דער רעזשיסער פון דער היינטיקער פארשטעלונג, באגריסן מיר דערפאר דעם ערשטן יידישן רעזשיסער אין אויסטראליע. מיט אים פארבינדט אויך די קדימה אירע אספיראציעס צו דערהויבן דאס יידישע טעאטער אין מעלבורן אוף א העכערן קינסטלערישן ניווא.

דאס טעאטער־ווינקל ביי דער קדימה איז רעארגאניזירט געווארן. עס רופט זיך היינט „קדימה יידיש קונסט־טעאטער". דאס ווארט קונסט איז אונטערגעשטראכן געווארן אלס ציל. און מיט דער מיטהילף פון אלע פראגרעסיוו־קולטורעלע יידישע כוחות אין מעלבורן האפן מיר אונזער ציל צו דערגרייכן.

די „ארעמע מלוכה" פון ה. לייוויק איז דער ערשטער ארויסטריט פון דעם „קדימה יידיש קונסט־טעאטער", און מיר זענען צופרידן, וואס מיט אונזער ערשטן ארויסטריט פייערן מיר אויך דעם 50־יעריקן יובילעאום פון ה. לייוויק — דעם גרויסן יידישן דיכטער און דראמאטורג.

# קדימה יידיש קונסט-טעאַטער

אַלע יונגע מענער און פרויען, וואָס האָבן אַ חוש פאַר יידיש טעאַטער-קונסט און באַזיצן אַ דראַנג צו רעאַליזירן זייער באַגאַבטקייט און טאַלאַנט אויפן יידיש טעאַטער געביט ווערן געבעטן זיך מעלדן צום רעזשיסער פון קדימה יידיש קונסט-טעאַטער מר. ב. ניימאַן-יובאַל, יעדן זונטיק, פון 11 ביז 12 אינדעפרי אין קדימה האַל 840 לייגאַן סטריט, נאָרט קאַרלטאָן.

---

# אויפן קדימה יערלעכן באַזאַר

קריגט איר גרויסע מציאות אין אַלערהאַנד סחורות. סעזאָנע און פּאַסאָנע, ...איעלע און אָרעמטלעכע באַהאַנדלונג, אַלץ אויפן העכט-צופרידנשטעלנדן אופן.

קומט אַליין און ברענגט אייערע פריינט שבת אָוונט, 15טן יולי, אָדער ...נטיק נאָכמיטאָג 16טן יולי. קומט פרי, ווייל די מציאות וועלן אויף אייך נישט ...אַרטן, פאַרהאַן פיל בעלנים אויף זיי.

זונטיק אָוונט, 8.15, נאָכן באַזאַר-טומל — אַ קאָנצערט מיטן אָנטייל פון ...ריי אַרטיסטן און צווישן זיי די גרויסע יידישע קינסטלערין רחל האָלצער אין ...ישע רעציטאַציעס.

---

זונטיק אָוונט, דעם 23טן יולי וועט מר. ה. גורט האַלטן אַ פאָרטראַג א. ד. ט.: ...רצל און ביאַליק" — לכבוד דעם יאָרצייט פון די צוויי גרויסע יידן.

# דאס ליד פון דער אָרעמער מלוכה

פון: ש. מאַראַנץ

... און דער קעניג ער האָט אוצרות
זיינע פרויען — שלאַנק און שיק,
אונזער מלך — גאַסן, געסלעך
זיינע פרויען בעטלען גליק.

פעני, פעני...

טויב די גאַסן און שטרענג די ווענט
נאָר אין הארצן קאָכט און זידט.
פאַר אַ פעני-טרוים אין טאַרבע
הע! קאַטאַרינקע, שפּיל אַ ליד!

פעני, פעני...

פון די הימלען פינטלען שטערן,
פיבערט פויגל אוים אַ טרוים:
אַז די שטערן ווערן רענדלעך
און דאָס שטייגל ווערט אַ בוים.

פעני, פעני...

נאָר טרוים — דער נאַכט, און וואָר דעם טאָג.
האַנדל-וואַנדל וויגט דעם כרך.
וועקט דער בעטלער אויף דעם פויגל:
ביזנעס, רופן אויף דער וואָך!

פעני, פעני...

(עם קומט נאָך „יעטעם ליבעם ליד פון ש. מאַראַנץ).

געזונגען דאס ליד [illegible]
רחל האלצער
געשריבן: [illegible]

# „The Kingdom Of Beggars"

*Drama in 4 Acts by H. LEIVICK* *Podurced by B. NEWMAN-JUBAL*

*Librete: Sh. Marantz* *Arch.: B. Fryshman*

*At the Piano: J. Hacker* *Decoration: M. Shechter*

## Cast Of Characters :

| | |
|---|---|
| Melach | Mr. R. HIRSH |
| Chaim (his son) | Mr. C. BORELL |
| Miche (Melach's father) | Mr. M. SHECHTER |
| Zurich | Mr. I. ROTHMAN |
| Yoinne | Mr. J. WHITE |
| Hindel | Mrs. A. LIGHT |
| Yetta | Mrs. R. WALD |
| Mirle | Mrs. R. LIFSHITS |
| Toyb-shtumer | Mr. U. WHITE |
| Doctor | Mr. A. ALONI |
| Other Beggars | Mrs. R. LEVITTA |
| | Mrs. D. ROTHMAN |
| | Mr. A. ROSNER |
| | Mrs. E. KORN |
| | Mr. S. MENDELSOHN |
| | Mr. M. LEVY |
| | Mr. S. KING |
| | Mr. S. FACTOR |
| | Mr. I. GURFINKEL |
| | Mr. M. WALD |
| | Mr. N. FOEGEL |
| | Miss M. HONIK |
| | Miss S. HONIK |
| | Mr. A MURK |

# „די אָרעמע מלוכה"

דראמע אין 4 אקטן פון ה. לייוויק רעזשי: ב. ניימאן-יובאל

לידער-טעקסט — ש. מאראנץ, בינע-ארכיטעקטור — ב. פרישמאן
מוזיק-באגלייטונג — ג. האקער, דעקאראציעס — מ. שעכטער.

## פערזאנען:

| | |
|---|---|
| מלך | ר. הירש |
| חיים, זיין זון | באָרעל |
| מיכה, מלכ'ס פאָטער | מ. שעכטער |
| זרח | י. ראָטמאן |
| יונה, | י. ווייט |
| הינדע | ח. לייט |
| יעטע | ר. וואלד |
| מירל | ר. ליפשיץ |
| טויבשטומער | א. ווייט |
| דאָקטאָר | ש. אלוני |
| אנדערע בעטלער | ר. לעוויטא |
| | ד. ראָטמאן |
| | ס. מענדלסאָן |
| | א. כהן |
| | א. ראָזנער |
| | ס. קינג |
| | מ. וואלד |
| | נ. פויגל |
| | ס. פעקטאָר |
| | מ. גארפינקל |
| | מ. לעווי |
| | ש. האָניג |
| | מ. האָניג |
| | א. מורק |